**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שיקט ארויס סטעיט מיטלען אין אפרופונג פון ווינטער שטורעם ערווארטעט צו באטרעפן רוב פון ניו יארק סטעיט מיט באדייטנדע שנייפאל פון דאנערשטאג ביז שבת

***שניי ערווארטעט זיך צו אנהויבן דאנערשטאג נאכמיטאג מיט מער פון איין פוס ערווארטעט אין די נאָרט קאנטרי, מאוהאק וואלי און הויפטשטאט ראיאנען און העכערע פלעצער אין די ראיאנען וועלן זעהן כמעט צוויי פיס פון שניי ביז שבת***

***טיילן פון צענטראל ניו יארק און סאוטערן טיער ראיאנען ערווארטעט צו באקומען 8 ביז 12 אינטשעס שניי ביז שבת; אין הויכפונקט פון די שטורעם איז ערווארטעט צו זיין שניי פאל ראטעס פון 1 ביז 2 אינטשעס פער שעה***

***סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער געעפנט צו קאארדינירן סטעיט אגענטור אפרופונג און נאכקומען פארלאנגען פאר הילף פון לאקאלע רעגירונגען***

***גאווערנער האקול מוטיגט נישט צו נעמען איבעריגע רייזעס דאנערשטאג אוונט און פרייטאג אין באטראפענע ראיאנען אזוי ווי שווערע, נאסע שניי איז ערווארטעט צו פאראורזאכן סכנות'דיגע רייזע אומשטענדן און עלעקטריציטעט קורצשלוסן***

***סטעיט אגענטורן זעצן פאר צו נאכפאלגן מעגליכקייט פאר 'לעיק עפעקט' שניי פאל נעבן לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאו אנגעהויבן פרייטאג צונאכטס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעשיקט סטעיט עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען צו ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט צו באקומען ביז אזויפיל ווי א פיס אדער מער שניי צווישן דאנערשטאג און שבת. די שטורעם איז פארגעזאגט צו ברענגען ביז אזויפיל ווי 12 ביז 18 אינטשעס פון שנייען ביז שבת אין טייל פון די נאָרט קאנטרי, מאוהאק וואלי און הויפטשטאט ראיאן, מיט שניי פאל ראטעס האבנדיג א הויכפונקט פון איינס ביז צוויי אינטשעס פער שעה דאנערשטאג נאכט ביז פרייטאג. רוב פון די סטעיט וועט זעהן צום ווייניגסטנס עטליכע אינטשעס שניי פון די שטורעם, מיט ביז אזויפיל ווי א פוס שניי ערווארטעט אין צענטראל ניו יארק און אין די סאוטערן טיער. טיילן פון מערב ניו יארק און פינגער לעיקס ראיאנען האבן אנגעהויבן זעהן א ווינטערדיגע געמיש פון שניי, רעגן און אייז דאנערשטאג. רייזע אומשטענדן אין באטראפענע ראיאנען וועלן זיין סכנות'דיג דאנערשטאג נאכמיטאג ווען די שווערסטע שנייען וועלן זיך אנהויבן. עלעקטריציטעט קורצשלוסן אין ראיאנען מיט די שווערסטע שנייען זענען מעגליך אין לויף פון די קומענדיגע עטליכע טעג. גאווערנער האקול האט געמוטיגט ניו יארקער צו בלייבן אינדערהיים דאנערשטאג אוונט און פרייטאג צו פארמיידן סיי וועלכע אומנויטיגע רייזעס אין די צייט ווען די עמערדזשענסי מיטלען ארבעטן צו אוועקנעמען שניי און אייז פון די טראנספארטאציע סיסטעם.

"מיר ווייסן ווי וויכטיג עס איז צו זיין גרייט בעפאר שטורעמעס, און סטעיט אגענטורן זענען גרייט צו ארבעטן ארום די זייגער דעם סוף וואך צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין מאנשאפט וועט פארזעצן צו נאכפאלגן שטורעם אומשטענדן ארום די סטעיט צו זיכער מאכן אז מיר באנוצן זיך מיט יעדע כלי וואס שטייט אונז צום האנט, און מיר מוטיגן יעדן אין די באטראפענע ראיאנען צו פארמיידן סיי וועלכע אומנויטיגע רייזעס היינט נאכט און מארגן. ארבעט פונדערהיים, אויב מעגליך, און שטייט אוועק פון די ראודס, און מאכט זיכער אז איר און אייערע באליבטע בלייבן וואכזאם."

די פאלגנדע מיטלען שטייען גרייט זיך אפצורופן צו די שטורעם:

- שארער טראָקס: 2,084
- טאָו שארער טראקס: 61
- לאָודערס: 400
- שניי בלאזערס: 42
- גרעידערס: 19
- זאלץ: DOT און טרוּועי זאלץ שיטער זענען פולשטענדיג אנגעפילט פאר די שטורעם
- שטאב מיטגלידער ארויסגעשיקט: 4,129
- יוטיליטי פירמע ארבייטער: ביז אזויפיל ווי 6,500 גרייט זיך אפצורופן

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "מיר זענען גוט צוגעגרייט זיך צו באגיין מיט די שניי וואס האט שוין אנגעהויבן פאלן אין טיילן פון די סטעיט. פאלגט נאך פון די נאענט אייערע לאקאלע וועטער פאראויסזאגער איבער די קומענדיגע פאר טעג אויב איר טראכט פון פארן. אומשטענדן אויף די ראודס וועלן זיין סכנות'דיג אין געוויסע ראיאנען. אויב מוזט איר פארן, פלאנירט פון פאראויס, נעמט אייער צייט און ווייסט אז רייזעס וועלן זיין שווער דאנערשטאג נאכט און פרייטאג."

גאווערנער האקול האט אויך געמוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר א באזונדערע 'לעיק עפעקט' שניי שטורעם וואס איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן פרייטאג צונאכטס, קענענדיג ברענגען צוויי פיס שניי צו פלעצער נעבן לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָ איבער די סוף וואך, מיט שניי פאל ראטעס פון צוויי אינטשעס פער שעה.

מערערע וועטער ווארענונגען און אדווייזאריס זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר רוב פון די סטעיט פאר ביז שבת. פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואַטשעס און ווארענונגען אין אייער געגנט, באזוכט די [נאציאנאלע וועטער סערוויסעס (National Weather Services) וועבזייטל](https://alerts.weather.gov/) און זוכט פאר אייער געגנט לויט די נאמען פון די שטאט אדער לויט די זיפ קאָוד.

## <u>סטעיט אגענטור פארברייטערונגען</u>

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאארדינירט סטעיט אגענטור און אפרופונג אפעראציעס און קאמוניקירט מיט לאקאלע רעגירונג אינסטאנצן צו זיכער מאכן אז זיי זענען גרייט. די סטעיט'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער וועט זיין אפן פון דאנערשטאג נאכמיטאג צו נאכפאלגן די אפרופונג פאר די שטורעם און רייזע אומשטענדן. די סטעיט אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג איז גרייט ארויסצושיקן מיטלען פון די סטעיט'ס זאפאסן צו שטיצן לאקאלע רעגירונגען מיט שטורעם-פארבינדענע געברויכן. די סטעיט אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל האט עקוויפמענט און שטאב מיטגלידער גרייט צו העלפן מיט פארלאנגען פאר הילף.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די טראנספארטאציע דעפּארטמענט האט יעצט 3,450 סופּערווייזארס און אפערעיטארס איבערן סטעיט וועלכע זענען גרייט זיך אפצורופן צו די בעפארשטייענדע וועטער.

צו שטיצן שניי און אייז אפרוימונג אקטיוויטעטן אין קריטישע ערטער וועט א סך הכל פון 44 שטאב מיטגלידער, אריינגערעכנט 33 שארער-טראָק דרייווערס, צוויי סופּערווייזערס און ניין עקוויפּמענט אפּערעיטער אינסטראָקטארס ארויסגעשיקט ווערן. זיי ווערן פארטיילט ווי פאלגנד:

- **הויפטשטאט ראיאן:**
  -באקומען צווי עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטאר פינגער לעיקס
  -באקומען איין עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטאר לאנג איילענד
  -באקומען איין עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטאר פון DOT's הויפט אפיס
- **מאוהאק וואלי:**
  -באקומען אכט שארער-טראָק דרייווערס פון לאנג איילענד
- **צענטראל ניו יארק:**
  -באקומען 25 שארער-טראָק דרייווערס און צוויי סופּערווייזערס פון לאנג איילענד
- **נארט קאנטרי:**
  -באקומען צווי עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטאר פון מערב ניו יארק
  -באקומען איין עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטאר פון הויפטשטאט ראיאן
- **דרום טייל ראיאן**
  -באקומען צווי עקוויפּמענט אפּערעיטאר אינסטראָקטארס פון לאנג איילענד

דער נויט פאר נאך שטיצע-מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס דער פארקומעניש. די צאלן פון עקוויפּמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,732 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראָקס
- 339 גרויסע לאודערס
- 52 שלעפּער שארערס
- 39 שניי בלאזער

אין צוגאב וועט די DOT האבן שלעפּער טראק סערוויסעס גרייט אויף גרויסע ראודס וועלכע וועלן באטראפן ווערן דורך די שטורעם אין די פאלגנדע קאונטיס: I-84 (אראנדזש), I-84 (פּאָטנעם), I-684 (פּאָטנעם), I-81 (אָנאָנדאַגאַ), I-81 (ברום), I-88 (ברום), I-86 (ברום), NY 17 (ברום), NY 206 (דעלעווער), NY 28 (דעלעווער), NY 17 (סאַליווען, צווי לאקאציעס), I-390 (סטויבען) און I-86 (טשימאנג). שלעפּער טראָק סערוויסעס וועלן אויך גענוצט ווערן אויפן האטשינסאן ריווער פארקוועי, קראס קאונטי פארקוועי, סאָו-מיל ריווער פארקוועי און ספּרעין ברוק סטעיט פארקוועי.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די אומשטענדן פון די ראָודס, רופט 511, באזוכט [NY.org511](https://511ny.org) אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

**טרו-ווער אויטאריטעט**

טרו-ווער שטאב מיטגלידער פאלגן נאך די פאראויסגעזאגטע וועטער פון די נאענט פאר די בעפארשטייענדע ווינטער שטורעם, און זיי זענען גרייט זיך אפצורופן מיט 679 אפּערירער און סופּערווייזארס וועלכע שטייען גרייט. די צאלן פון טרוועי עקוויפּמענט און מיטלען אין די סטעיט:

- 352 גרויסע און מיטלמעסיגע דוטי שארער טראָקס
- 9 שלעפּער שארער-טראקס
- 61 לאודערס

עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאָושעל מידיע ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס וועגן ווינטער וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט ערמוטיגט מאטאריסטן צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. דרייווער קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

**סטעיט פאליציי**

די סטעיט פאליציי וועט נאכפאלגן די אומשטענדן און ארויסשיקן נאך פאטראל קארן צו געגנטער וועלכע זענען באדייטנד באטראפן געווארן דורך די שטורעם. אלע קארן מיט 'פּוֹר-וויל-דרייוו' און ספעציעלע קארן זענען אין דינסט, אריינרעכענענדיג יוטיליטי טעסק וויהיקעלס און סנאָומאָובילס.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 6,500 ארבעטער גרייט ארויסצופירן שאדן אפשאצונגען, דראטן אפהיטונג, אפרוף, פאררעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט. דאס רעכנט אריין נאך 515 דרויסנדיגע ארבייטער וועלכע זענען אויפגענומען געווארן דורך נעשענעל גריד, 400 דרויסנדיגע ארבעט אויפגענומען דורך NYSEG און RG&E, 50 דרויסנדיגע ארבייטער פון צענטראל האדסאן און 50 דרויסנדיגע ארבייטער אויפגענומען דורך Orange & Rockland. DPS שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די יוטיליטי פירמעס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש און זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפטן זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף די אנטוויקלנדע מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייט אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. DEC קאארדינירט דאס ארויסשטעלן הילפס-מיטלען מיט אגענטור צוזאמארבעטער און אלע רעסאָרסן פאראן ווערן ארויסגעשטעלט אויף ארויסצוהעלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

די DEC עצה'ט פאר מענטשן וועלכע פארן אין פלעצער ווייט פון שטאט צו זיין וואכזאם און גרייט פאר ווינטער וועטערן. ווינטער הייקינג און סקיאינג זיכערהייט און גרייטקייט זענען גאר וויכטיג אפגעזען א הייקער׳ס פיזישע פעאיגקייט אדער דעסטינאציע. זיך גרייטן פאר די ווינטער וועטערן ווי עס פעהלט זיך אויס איז קריטיש פאר א מער הנאה'דיגע און זיכערערע ערפארונג. דורכאויס תקופות פון שווערע שנייען און באלד דערנאך, שטייט אוועק פון אפענע שטחים ווי אומבאדעקטע סאָמיטס, און זיין באזונדערס פארזיכטיג ווען איר פארט אויף אדער נעבן אומבאדעקטע שיפע ערטער. נאך אינפארמאציע איבערן בלייבן זיכער אינדרויסן איז דא אויף די DEC וועבזייטל.

די DEC דערמאנט די וואס זענען פאראנטווארטליך פאר אוועקפירן שניי אויף א גרויסן פארנעם אויסצופאלגן בעסטע פארוואלטונג פירונגען כדי צו העלפן פארמיידן פלייצונג און רעדוצירן די פאטענציעל פאר פארפּעסטונגען ווי זאלץ, זאמד, אויל, מיסט און אנדערע ברוכווארג אין די שניי פון אפעקטירן וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען אין דערנעבנדע ערטער. פובליק און פריוואטע שניי אוועקפיר אפערעיטערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט ענינים דורכאויס און נאכ׳ן שטורעם.

פריער היינט האט גאווערנער האקול איבערגעגעבן זיכערהייט עצות צו העלפן ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר די שטורעם.

מער זיכערהייט עצות זענען פארעפנטליכט אויף די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418